# אַ קאַפּיטעל כעלמער געשיכטע

(שלוס פון עדיטאָריעל זייט)

טאָפּעלט און דער דלות אין כעלם וועט פאַרשווינדן.

אין כעלם איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה. דער עיקר האָבן זיך געפרעהט די אָרימעלייט. מ'האָט געזעהן מאַנסליים און ווייבער טאַנצן אינדרויסן אין שניי, פּאַטשן מיט די הענט און רופן:

— לעבן זאָל אונזער קעניג ויזתא!

אָבער די שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. ערשטענס האָט כעלם נישט געהאַט גענוג געלט צו צאָלן אַזוינע הויכע פּרייזן. אַ חוץ דעם איז געוואָרן אַ יקרות; אַ האָליד־עקער האָט טאַקע געקראָגן זעקס גראָשן פאַר צעהאַקן אַ פוהר האָלץ, אָבער ווען ער איז געגאַנגען צו אַ שוסטער און געפּראָוועט באַשטעלן אַ פּאָר שטיוועל, האָט מען פאַרלאַנגט פון אים פיר גולדן. די ווירטסלייט האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי העכערן דאָס דירה־געלט. די קרעמערס האָבן געפאָדערט העכערע פּרייזן פאַר סחורה. ווען ויזתא אָט זיך דערוואוסט וואָס עס טוט זיך אָפּ אין כעלם, האָט ער איבערגעטראַכט די לאַגע, געטאָן אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, אַז אַלע גלעקלער אין דער קרוין האָבן געקלונגען, און געזאָגט:

— די פּרייזן מוזן בלייבן די זעלבע. ווער ס'וועט העכערן דעם פּרייז פון סחורה, מוז געהן אין תפיסה.

נו. אָבער דאָס געזעץ האָט נישט געהאָלפן. אפילו די שטראָפן האָבן נישט געהאָלפן. סחורה'ס זענען געוואָרן אַלץ טייערער. אַ צאָל סוחרים האָבן באַהאַלטן זייער סחורה. אין כעלם איז געוואָרן אַ יקרות און אַ הונגער.

דער ויזתא האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס געזעץ העלפט נישט. האָט ער אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אַז אַלע גלעקלעך אין דער קרוין האָבן געקלונגען, און ער האָט געזאָגט:

— ס'איז קלאָר, אַז אַלע צרות קומען פון געלט. דערפאַר באַשטים איך, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט געלט פאַרלירן יעדע ווערט אין כעלם. דאָס גאַנצע געלט מוז מען ברענגען צו מיר. אין דריי טעג צייט מוז כעלם בלייבן אָהן געלט.

— אויב אַזוי, ויזתא, ווי אַזוי וועט מען קויפן סחורה? ווי אַזוי וועט מען קריגן באַצאָלט פאַר אַרבעט?

דער קעניג האָט איבערגעטראַכט אַ ווייל און געזאָגט:

— קיין געלט קאָן מען נישט עסן. פון היינט אָן און ווייטער וועלן אַלע אַרבעטער ברענגען זייער אַרבעט צו מיר און מיינע מענטשן וועלן צעטיילן די סחורה'ס יעדן לויט זיין באַדערפעניש. ווי באַלד עס וועט נישט זיין קיין געלט, וועלן נישט זיין קיין רייכע און קיין אָרימעלייט, און קיינער וועט קיינעם נישט מקנא זן. כעלם וועט ווערן אַ גן־עדן אויף דער וועלט.

Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

**פאָרווערטס, 28.09.1967, page 5**

# ווי אזוי כעלם איז געבליבען אהן געלט

(שלוס פון זייט 2)

אז זיי זענען באוואפענט פון קאפ ביז די פיס, איז ער געווארען ווייכער. ער האט א זאג געטאן:

— זאל נאר זיין א תפיסה, וועט שוין עמיץ דארט זיצן, — נישט אזוי לעקיש לעקישאוויטש?

און דער קעניג האט זיך צעלאכט מיט א הייזעריג געלעכטער. ס'איז געווען לעקיש לעקישאוויטש'עס אויפגאבע שטענדיג מיטצולאכען מיט ויזתא'ן.

ווען די ערליכע לייט האבען זיך דערוואוסט אז ויזתא איז געווארען דער קעניג פון די גנבים און אז זיי, די ערליכע לייט, וועלען מוזען בויען א תפיסה פאר זיך, — האבען זיי ענדליך פארלוירען דאס געדולד און געמאכט א רעוואלוציע. די ערליכע לייט האבען זיך באוואפענט מיט מעסערס, העק, שטעקענס און וואס זיי האבען געקראגען. עס איז אנטשטאנען א מלחמה צווישען די ערליכע לייט און די גנבים, און נאך א סך פארלוסטען האבען די ערליכע לייט געזיגט. מ'האט ארויסגעלאזט פון תפיסה די לייט וואס האבען נישט געקאנט צוריקגעבען די 990 טאלער און מ'האט אריינגעפאקט צוריק די גנבים. דערנאך זענען די ערליכע לייט אוועק צום פאלאץ און מ'האט געצוואונגען ויזתא'ן אראפצוטרייבען פון טראן. אזוי ווי קיינער האט נישט צוגעהאלטען זיינע הויזען, זענען זיי פון אים אראפגעפאלען. די ערליכע לייט האבען אראפגענומען פון ויזתא'ן די קרוין צו שמעלצען ניי געלט פאר א נייער כעלמער רעגירונג. ויזתא און לעקיש לעקישאוויטש האט מען אריינגעזעצט אין תפיסה.

די כעלמער לייט האבען ווידער אויסגעקליבען זעקס חכמים זיי זאלען משפט'ן ויזתא'ן פאר די צרות וואס ער האט אנגעטאן די כעלמער. דריי חכמים האבען געהאלטען אז מען דארף ויזתא'ן אפהאקען דעם קאפ. די אנדערע דריי האבען געהאלטען אז מ'דארף נישט אפהאקען. מ'האט געמאכט א פשרה און מ'האט אפגעהאקט ביי ויזתא'ן א האלבען קאפ.

לעקיש לעקישאוויטש איז געווארען א משרת ביי די זעקס חכמים. ווען איינער פון זיי האט געלאכט האט לעקיש לעקישאוויטש מיטגעלאכט און אזוי האט ער פארדינט זיין ברויט.

כעלם איז ביסלעכווייז געווארען ווידער דאס אלטע כעלם. די גבירים האבען געפרואווט אויסגראבען דאס גאלד און זילבער אבער עס איז פארשוואונדען.

וואו איז עס אהינגעקומען?

איין מיינונג איז געווען, אז גנבים האבען עס ארויסגע'גנב'עט.

פאראן אויך א טעאריע אז אונטער דער ערד לעבט א מאנסטער וואס עסט גאלד און זילבער און אז ער האט עס אויפגעגעסען.

ווי מאדנע, נאר עס זענען געבליבען אין כעלם לייט וואס באדויערן ויזתא'ס פאל. זיי רופען זיך די ויזתאיסטען. זיי זאגען, אז ווען ויזתא וואלט געבליבען נאך איין יאר ביי דער מאכט וואלט כעלם געווארען א גליקליכע שטאט.

זיי האבען אפילו א פירער וואס רופט זיך ויזתא דער צווייטער.

Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU

**פאָרווערטס, 28.09.1967, page 5**

# ווי אזוי כעלם איז געבליבען אהן געלט

(שלוס פון זייט 2)

אז זיי זענען באוואפענט פון קאפ ביז די פיס, איז ער געווארען ווייכער. ער האט א זאג געטאן:

— זאל נאר זיין א תפיסה, ווער שוין עמיץ דארט זיצן, — נישט אזוי לעקיש לעקישאוויטש?

און דער קעניג האט זיך צעלאכט מיט א הייזעריג געלעכטער. ס'איז געווען לעקיש לעקישאוויטש'עס אויפגאבע שטענדיג מיטצולאכען מיט ויזתא'ן.

ווען די ערליכע לייט האבען זיך דערוואוסט אז ויזתא איז געווארען דער קעניג פון די גנבים און אז זיי, די ערליכע לייט, וועלען מוזען בויען א תפיסה פאר זיך, — האבן זיי ענדליך פארלוירען דאס געדולד און געמאכט א רעוואלוציע. די ערליכע לייט האבען זיך באוואפענט מיט מעסערס, העק, שטעקנס און וואס זיי האבען געקראגען. עס איז אנטשטאנען א מלחמה צווישען די ערליכע לייט און די גנבים, און נאך א סך פארלוסטען האבען די ערליכע לייט געזיגט. מ'האט ארויסגעלאזט פון תפיסה די לייט וואס האבען נישט געקאנט צוריקגעבען די 990 טאלער און מ'האט אריינגעפאקט צוריק די גנבים. דערנאך זענען די ערליכע לייט אוועק צום פאלאץ און מ'האט געצוואונגען ויזתא'ן אראפצוקריכען פון טראן. אזוי ווי קיינער האט נישט צוגעהאלטען זיינע הויזען, זענען זיי פון אים אראפגעפאלען. די ערליכע לייט האבען אראפגענומען פון ויזתא'ן די קרוין צו שמעלצען ניי געלט פאר א נייער כעלמער רעגירונג. ויזתא און לעקיש לעקישאוויטש האט מען אריינגעזעצט אין תפיסה.

די כעלמער לייט האבען ווידער אויסגעקליבען זעקס חכמים זיי זאלען משפט'ן ויזתא'ן פאר די צרות וואס ער האט אנגעטאן די כעלמער. דריי חכמים האבען געהאלטען אז מען דארף ויזתא'ן אפהאקען דעם קאפ, די אנדערע דריי האבען געהאלטען אז מ'דארף נישט אפהאקען. מ'האט געמאכט א פשרה און מ'האט אפגעהאקט ביי ויזתא'ן א האלבען קאפ.

לעקיש לעקישאוויטש איז געווארען א משרת ביי די זעקס חכמים. ווען איינער פון זיי האט געלאכט האט לעקיש לעקישאוויטש מיטגעלאכט און אזוי האט ער פארדינט זיין ברויט.

כעלם איז ביסלעכווייז געווארען ווידער דאס אלטע כעלם. די גבירים האבען געפרואווט אויסגראבען דאס גאלד און זילבער אבער עס איז פארשוואונדען.

וואו איז עס אהינגעקומען?

איין מיינונג איז געווען, אז גנבים האבען עס ארויסגע'גנב'עט.

פאראן אויך א טעאריע אז אונטער דער ערד לעבט א מאנסטער וואס עסט גאלד און זילבער און אז ער האט עס אויפגעגעסען.

ווי מאדנע, נאר עס זענען געבליבען אין כעלם לייט וואס באדויערן ויזתא'ס פאל. זיי רופען זיך די ויזתאיסטען. זיי זאגען, אז ווען ויזתא וואלט געבליבען נאך איין יאר ביי דער מאכט וואלט כעלם געווארען א גליקליכע שטאט.

זיי האבען אפילו א פירער וואס רופט זיך ויזתא דער צווייטער.